# קאנסטיטושאן

## אונד בייא-לאָהס

— פאָן —

# חברה אור חדש, אנשי רומעניע

79-81 ראָבערטס סטריט

פיטסבורג, פא.

1931

Drob-Berger Printing Co., 1534 Centre Ave., Pgh. Pa.

# קאנסטיטוֹשאן

## אונד בייא-לאָהס

— פאָן —

# חברה אור חדש, אנשי רומעניען

79-81 ראָבערטס סטריט

פ י ט ס ב ו ר ג,  פ א.

1931

Drob-Berger Printing Co., 1534 Centre Ave., Pgh. Pa.

## רולס פון די מיטטינג.

1. רופען דעם מיטטינג צו אָרדער.
2. עפענען דעם מיטינג.
3. ראָלל קאָל אָף אָפיסערם.
4. פאָרלעזען די מינוטס פון לעצטען מיטינג.
5. רעפּאָרטס אָף קאָמיטעס.
6. פּראָפּאָזישאָן אָף מעמבערס.
7. בילס, רעסיטס און לעטערס צו דער קאָנגרע־גיישאָן.
8. ניט געפינישטע ביזנעס.
9. נייע ביזנעס.
10. פארן גוט און וואָהל פון דער קאָנגרעגיישאָן.
11. פאָרלעזען די קאָלעקטעטע געלדער.
12. שליסונג פון מיטינג.



## אַרטיקעל 1.

סעק. 1. דער נאָמען פון אונזער קאָנגרעגיי־שאָן מוז אימער און אייביג בלייבען „אור חדש אנשי רומעניע,“ לויט אונזער טשארטער. ער קאָן ניעמאַלס געענדערט ווערען. ולהתפלל בנוסח ספרד און מוז געפיהרט ווערען אָרטאָדאָקסיש.

סעק. 2. אַללע ביכער און חשבונות פון דער קאָנגרעגיישאָן מוז געפיהרט ווערען נור אין פליין אידיש זשאַרגאָן.

סעק. 3. עס קאָן ניעמאַלס איינגעפיהרט ווע־רען אין אונזער שוהל מענער און פרויען זאָללען צו־זאממען זיטצען בעת התפילה.

## אַרטיקעל 2.

סעק. 1. רעגולאר מיטטינגס ביי אונזער קאָנג. זאָל שטאאטפינדען אין אונזער האָלל פון שוהל יע־דען ערשטען און דריטען זאָנטאג אין מאָנאטה.

סעק. 2. ספעשיאל מיטטינג קענען גערופען ווערען אוים 3 אורזאכען : ערשטענס, ביי איין מאָושען וואָס עס איז געמאכט געוואָרען ביי איין רעגולאר מיטטינג. צווייטענס, ווען דער פּרעזי־דענט געפינט פאר נעהטיג צו רופען איין ספעשיאל מיטטינג. און דריטענס, ווען 21 גוטשטעהענדע מעמבערס פערלאנגען עס דורך א פעטישען צום פרעזידענט, אין פאלס דער פרעזידענט וויל נישט אָרדערען דעם סעקרעטאר צו רופען דעם פארלאנג־

טען מיטטינג, זאָללען זיך די 21 מעמבערס ווענדען צום וויים-פרעזידענט און ווען דער וויים-פרעזידענט וויל אויך נישט רופען דעם מיטטינג, דאַן זאָללען זיי זיך ווענדען צום סעקרעטער און דער סעקרעטער מוז רעספעקטירען דעם אָרדער אונד רופען דעם מיטטינג אָהנע דעם פרעזידענט אָדער וויים-פרעזידענט. אונד זיי האָבען דאָס פולע רעכט אַלעם צו פערהאנדלען לויט דעם צוועק פאר וועלכען דער מיטטינג איז גערופען געוואָרען. זיי האָבען אויך אַ רעכט צו עלעקטען א טשערמאַן פיר דעם מיטטינג. און פאלם דער סעקרעטער וויל אויך נישט רעספעקטירען דעם אָרדער פון די 21 מעמבערס, האָבען זיי אויך א רעכט צו עלעקטען איין סעקרעטאר פיר דעם מיטטינג אונד קענען אללעם קאָנדוקטען אונד עס זאָל ווערען אַריין געשריבען אין מינוטס בוך. אונד דער רעגעלער סעקרעטאר פון אונזער קאָנגרעגיישאָן זאָל שטראפירט ווערען מיט 10 דאָללער פאר נישט בעפאָלגען דעם אָרדער פון די 21 גוט שטעהענדע מעמבערס.

סעק. 3. ביי איין ספעשיאל מיטטינג קענען נישט פערהאַנדעלט ווערען קיינע אַנדערע ביזנעס נאָר די וואָס עס זיינען געמעלדעט געוואָרען אין די נאָטים.

סעק. 4. דזשענעראל מיטטינגס קענען נור שטאַטפינען יעדע 3 מאָנאַט, לויט רעכענונג פון דער צייט פון דעם עלעקשאָן אָף אָפיסערס.



סעק. 5. בעפאָר איין דזשענעראל מיטטינג זאָל דער סעקרעטער אַרויסשיקען נאָטים ביי מייל צו יעדען מעמבער מיט אַ רעכענונג פון זיינע שולדען ביז אין דער צייט.

סעק. 6. יעדער מעמבער מוז זיין קליער פון זיינע שולדען נאָך דעם רעכענונג פון סעקרעטאר ביז ערב ראש השנה, אין פאַלס ער באַצאָהלט ניט זיינע שולדען ביז צו דעם עלעקשאָן פון אָפיסערס האָט ער קיין רעכט ניט צו וואָטען.

סעק. 7. ווען עס איז א מיטטינג קומט די בעשטימטע צייט צו עפענען דעם מיטטינג לויט די קאָנסטיטושאָן 7:30 אוהר אבענדס פון אָקטאָבער ביז אפריל און 8:30 אוהר אבענדס פון אפריל ביז אָקטאָבער, אונד אז עס געפינען זיך 7 גוטשטעהענדע מעמבערס האָט דער פרעזידענט אָדער טשערמאַן דאָס רעכט צו עפענען דעם מיטינג אונד אַללע ביזנעס קאָנדאקטען.

## א ר ט י ק ע ל 3.

סעק. 1. פאָלגענדע אָפיסערס מוזען עלעקטעט ווערען אין אונזער קאָנגרעגיישאָן אור חדש: פרעזידענט, וויים-פרעזידענט, סעקרעטאר, טרעזשורער אונד 4 טראָסטיעס. אלע אָפיסערס פון אונזער קאָנגרעגיישאָן קאָנען נור עלעקטעט ווערען פאַר 2 טערמס איינס נאָך דעם אנדערען אויסער איין סעקרעטאר וואָס קאָן יאָ עלעקטעט ווערען מעהר ווי 2 מאָהל.

סעק. 1. ב. ראָל אָוו עלעקשאָן אָוו אָפיסערס
זאָל פּאָקומען ווי פּאָלגענדעס, דער ערשטער נאָמי-
ניישאָן זאָל פּאַרקומען דעם ערשטען זונטאג נאָך
ראש השנה. דער צווייטער נאָמינײשאָן זאָל זיין
צווישען יום כפור אונד סוכות. און דער עלעקשאָן
זאָל זיין ניט שפּעטער ווי ערב הושענא רבא אָווענד.

סעק. 1. סי. דער עלעקשאָן מוז זיין מיט אַ
פּרינטעד באַלאָט.

סעק. 2. אַ חזן אָדער שמש מוזען אויך עלעק-
טעט ווערען ביי אונז אין קהל פון די מעמבערס
מיט אַ מאַדזשאָריטי וואָוטס אונד זייערע ווײדזשעס
מוזען אויך בעשטימט ווערען ביי אַ מאַדזשאָריטי
וואָוטס.

סעק. 3. אַללע אָפיסערס וואָס זענען פּאַר ווייד-
זשעס מוזען עלעקטעט ווערען ביי אַ מאַדזשאָריטי
וואָוטס אונד זייערע ווײדזשעס מוזען אויך געפּעסט
ווערען ביי אַ מאַדזשאָריטי וואָוטס.

סעק. 4. ווען איין אָפיסער וואָס נעהמט ווייד-
זשעס, אַטענדעט נישט צו זיין דיוטי, קען עני מעמ-
בער בריינגען איין טשאַרדזש געגען איהם, אונד
דער פּרעזידענט זאָל אַפּאָינטען אַ טשאַרדזש קאָמי-
טע פון 5 מעמבערס, אום אוים צו הערען זיין פּער-
טהיידיגונג, אונד ברענגען אַ רעפּאָרט צום נעקסטען
מיטטינג אויב ער איז שולדיג אָדער ניט. די קאָמיטע
מוז מיטען נישט שפּעטער ווי דעם 2טען זאָנטאג פון
דעם מיטינג וואָס זיי זיינען אַפּאָינטעד געוואָרען.

סעק. 5. יעדער מעמבער וואָס איז קליער אין



בוך פון שולדען איז באַרעכטיגט צו איין אָפיס, אוי-
סער די יעניגע וואָס זיינען ספּעציפייט אין רעפּאָרט
נומער 81.

סעק. 6. קיינע פּערוואַנדטע, אונד צוואר אַ
פאָטער מיט אַ זוהן, אַ שוואר מיט איין איידעם,
ברידער אָדער שוואָגערס קאָנען נישט עלעקטעט ווע-
רען אין דעם זעלבען יאָהר צו איין אָפיס.

סעק. 7. ווען איין מעמבער וועלכער איז נאָמי-
נייטעד געוואָרען פאר איין אָפיס, קומט נישט צום
עלעקשאָן, קאָן ער עלעקטעט ווערען ווען ער האָט
געשיקט צו דער חברה שריפטליך ריכטיגע ריזאָנס
פאַר זיין אַבוועזענהייט.

## ארטיקעל 4.

סעק. 1. ביי דעם פּרעזידענט ברויכט זיך צו
געפינען אַללע ווערטהפאַללע פּאַפּירען, אונד
ווערטהפאַללע זאַכען וואָס בעלאַנגען צו אונזער קאָנ-
גרעגיישאָן אונד צוואר דער דיעד, דער טשאַרטער,
די קאָנסטיטושאָן, דער זיעגעל דאַרף זיין ביי דעם
סעקרעטערי און דאָס באַנק ביכעל ביים טרעזשורער
די באַנדס פון אָפיסערס, וועלכע די קאָנסטיטושאָן
פערלאַנגט פון זיי. די אַללע זאַכען ברויכען זיך צו
געפינען ביים פּרעזידענט, אונד ווען עס ענדיגט זיך
זיין טערם, אונד עס ווירד עלעקטעט איין אַנדערער
פּרעזידענט, מוז ער די אַללע זאַכען איבערגעבען צום
נייעם עלעקטעטען פּרעזידענט ביי דעם אינסטאַלליי-
שאָן. דער פּרעזידענט דאַרף אויך געבען דעם סעק-
רעטאר איין אינווענטאָרי, ספּעציפייעט יעדעס פּיי-
פּער בעזאָנדער, פון די אַללע ווערטהפאַללע זאַכען

וואָס געפינען זיך ביי איהם, אונד אונטערסיינען דעם אינווענטאָרי.

סעק. 2. דער פרעזידענט האָט דאָס רעכט צו ספּענדען נישט מעהר ווי 10 דאָלאַר פון איין מיטינג צום צווייטען איסער ביי איין עקסידענט אין בילדינג ביז 25 דאָלאַר.

סעק. 3. ווען דער פרעזידענט געפינט פאַר נויטהיג צו ספּענדען מעהר ווי די אויבען דערמאָהנטע סומע, מוז ער לאָזען רופען איין ספּעשעל מיטינג ביי נאָטים, אונד ביי אַזעלכען מיטינג קאָן געפּעסט ווערען צו ספּענדען וויפיעל עס איז נעהטיג נור ביי אַ מאַדזשאָריטי וואָוטס.

סעק. 4. דער פרעזידענט מוז זיך געפינען ביי יעדען מיטינג, הן רעגעלע, והן ספּעשיאַל, והן דזשענעראַל, אונד דורך פיהרען אַללעס אין אָרדער לויט דער קאָנסטיטושאָן, אָבער ווען דער פרעזידענט איז נישט אַנוועזענד ביי עני פון די אויבען דערמאָנטע מיטינגס, קאָן דער וויים פרעזידענט בעטרעטען זיין טשער אונד פערהאנדלען אַללעס נייטיגעס.

סעק. 5. דער פרעזידענט מוז געבען יעדען מעמבער ערלויבנים צו רעדען ביי די מיטינגס ווען דער מעמבער פערלאַנגט דאָס נאָך דעם נעקסט, אָבער נור פון דער דעבאַטע וואָס עס קומט פאָר, אונד נור 2 מאָהל, נישט מעהר.

סעק. 6. ווען דער פרעזידענט וויל רעדען אין רעמאַרקס, מוז ער פערלאָזען דעם טשער אונד איהם איבערגעבען וועמען ער וויל, דאַן קאָן ער רעדען.



סעק. 7. ווען דער פרעזידענט קומט נישט צו 3 קאָנסעקיוטיווע מיטינגס, אָהנע ריעזענס, זאָל אַ טשאַרדזש קאָמיטע אַפּאָינטעד ווערען, אונד די קאָמיטע זאָל ברענגען אַ רעפּאָרט צו דעם מיטינג אָבער נור מיט דער איינשטימונג פון דער חברה, ביי מאַדזשאָריטי פון 2 דריטעל.

סעק. 8. די דיוטי פון פרעזידענט איז: ער מוז זעהן אַז די עלעקשאָן פון אָפיסערס, זאָל שטאַטפינדען נישט שפּעטער פון ערב הושענא רבה אבענדס, ווען ער טרייעט אָבער אָבצולעגען די עלעקשאָן פון אָפיסערס פאַר איין שפּעטערע צייט אָהנע ריעזענס, האָבען די מעמבערס מיט דעם וויים פרעזידענט אַ רעכט צו רופען איין ספּעשעל מיטינג פאַר עלעקשאָן אָדער די מעמבערס אַליין ווען דער וויים פרעזידענט וויל אויך נישט אונד דער עלעקשאָן זאָל געמאַכט ווערען אין צייט אָהנע זייער צושטימונג. ווען ער בריינגט אָבער ריעזענס, מוזען זיי דורך געהן 2 דריטעל מאַדזשאָריטי. בעפאָר דעם עלעקשאָן פון אָפיסערס זאָל דער פרעזידענט אַפּאָינטען אַ דזשאָדזש און 2 טעללערס וועלכע זאָלען האָבען טשאַרדזש איבער דעם עלעקשאָן. דער דזשאָדזש און די טעללערס טאָהרען נישט זיין קיינע קאַנדידאַטען פאַר אָפיסערס, דער עלעקשאָן זאָל זיין קאָנדוקטעט ביי קלאָוזט וואָוטס, וועלכעס די פלוראַליטי עלעקטעט. אַ יעדער קאַנדידאַט וואָס לויפט פאַר פרעזידענט האָט אַ רעכט צו אַפּאָינטען 1 טעללער. דער פרעזידענט האָט אַ רעכט צו אַפּאָינטען דעם דזשאָדזש און 2 טעללערס.

סעק. 9. דער פּרעזידענט, נאָך זיין טערם זאָל איבערגעבען צום נייעם עלעקטעטען פּרעזידענט אַללע ווערטהפאַללע פּאַפּירען אונד ווערטהפאַללע זאַכען וואָס בעלאַנגען צו דער קאָנגרעגיישאָן, וואָס געפינען זיך ביי איהם, ווען ער וויל זיי נישט איבערגעבען, אַזוי אויך אַללע אָפּיסערס וועלכע עס געפינט זיך ביי זיי ווערטהפאַללע פּאַפּירען אָדער זאַכען וואָס בעלאַנגען צו דער קאָנגרעגיישאָן, אונד ווילען זיי נישט איבערגעבען צו די נייע ערוועהלטע אָפּיסערס, זאָל די מאַדזשאָריטי אַפּאָינטען אַ קאָמיטע, און זיי זאָלען תיכף עקטען וועגען דיזע טשארדזשעס.

סעק. 10. אינסטאַללײשאָן פון אָפּיסערס, זאָל שטאַטפינדען נישט שפּעטער פון דעם ערשטען מיטינג נאָך סכות, אונד ווען אָבער דער פּרעזידענט טרייעט אָבער אָבצולעגען דעם אינסטאַללײשאָן פיר איינע אַנדערע צייט אָהנע ריעזענס דאַן פאַלט ער ארונטער אונטער אַרט. 4 סעק. 8.

## אַ ר ט י ק ע ל 5.

### דיוטיעס פון וויים פּרעזידענט

סעק. 1. דער וויים פּרעזידענט ברויכט זיך צו געפינען ביי יעדען מיטינג אונד מיטהעלפען דעם פּרעזידענט אין יעדער אַנגעלעגענהייט און טרייען צו האַלטען אָרדנונג ביי די מיטינגס.

סעק. 2. ווען דער פּרעזידענט איז נישט דאָ ביי דעם מיטינג מוז דער וויים פּרעזידענט פאַרנעהמען זיין טשער אונד פיהרען דעם מיטינג אין אָרדער, אונד אַללע ביזנעס טראַנזעקטען לויט דער קאָנסטי-



טושאָן וועלכע ווערען ביי דעם מיטינג פערהאַנדעלט מיט די זעלבע רעכטע פון דעם פּרעזידענט, אונד אויף זיין טשער קען ער אַפּאָינטען אַנאַנדער וויים פּרעזידענט ווען ער וויל.

סעק. 3. ווען דער וויים פּרעזידענט אָדער אַנדערע אָפּיסערס וואָס דאַרפען זיך געפינען ביי די מיטינגס קומען נישט צו 3 קאָנסעקיוטיווע מיטינגס, זענען זיי אונטערוואָרפען אונטער דער זעלבער לאָה ווי דער פּרעזידענט.

## אַ ר ט י ק ע ל 6.

סעק. 1. דער טרעזשורער ווען ער ווירד עלעקטעט מוז ער געבען באָנדס פון אַ שורעטי קאָ. אויף 2000.00 דאָללאַר, אונד זיי איבערגעבען דעם פּרעזידענט ביי דעם מיטינג וואָס ער נעהמט איבער זיין אַפּיס.

סעק. 2. פיר אַלע געלדער וואָס דער טרעזשורער נעהמט איבער דאַרף ער געבען דעם סעקרעטאר אַ רעסיט, ער טאָר ווידער נישט אַרויס געבען קיין געלד אָן קיין וואראַנט געסיינט פון פּרעזידענט אונד סעקרעטאַר און געזיעגעלט פון דער קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 3. ביי דעם טרעזשורער מעג זיך געפינען צו יעדער צייט די סומע פון 500 דאָלאַר, אום אויסצוצאָהלען וואראַנטס, און ווען עס געפינט זיך ביי איהם מעהר געלד ווי די אויבען דערמאָהנטע סומע, דאַן מוז ער דאָס געלד דעפּאָזיטען אין דער באַנק, אונד איבערגעבען דאָס באַנק ביכעל דעם סעקרעטאר.

סעק. 4. אָבער ווען זיין טערם איז אויס, מוז ער איבער געבען צו דעם נייעם עלעקטעטען טרעזשורער אַלע געלדער וואָס געפינען זיך ביי איהם און אין דער באַנק נאָך דעם רעכענונג פון דעם סעקרעטאר אָבער ווען ער וויל דאָס ניט איבער געבען גלייך זאָל זיך די קאָנגרעגיישאָן ווענדען צו די באָנד פון די שורעטי קאָמפּאני.

סעק. 5. די סאַלאַרי פון דעם טרעזשורער זאָל זיין $2.00 אַ יאָהר.

## א ר ט י ק ע ל 7.

### דיוטיעס פון סעקרעטאר.

סעק. 1. סעקרעטארס קענען עלעקטעט ווערען צוויי, איין פינאַנס סעקרעטאר אונד איין רעקאָרדינג סעקרעטאר, אונד עס קען אויך עלעקטעט ווערען נור איינער פיר יידע אָפיסעס, דאָס איז אַזוי ווי די מעמבערס בעשטימען ביי דעם עלעקשאָן.

סעק. 2. דער סעקרעטאר מוז צו יעדען מיטינג ברענגען דעם מינוטס בוך, אונד פאָרלעזען די מינוטס פון לעצטען מיטינג, אויב זיי זיינען קאָרעקט, דאַן קאָנען זיי אפּרואווט ווערען ביים פּרעזידענט, ווען ניט, מוז ער זיי קאָרעקטען, ער מוז פערשרייבען אַללעס וואָס ווירד פערהאַנדעלט ביי דעם מיטינג קאָרעקט.

סעק. 3. דער סעקרעטאר מוז צו יעדען מיטינג מיטברייגען אַללע זיינע ביכער, אום צו צייגען יעדען מעמבער זיין רעכענונג ווען ער פערלאַנגט עס פון איהם.



סעק. 4. דער סעקרעטאר דאַרף יעדען זאָנטאג אַרויס געבען אַ צעטעל פאַר קאָלעקשאָן הן פון מעמבערס, והן פון פרעמדע צו די אַפּאָינטע קאָלעקטאָרס, אונד איבערנעהמען פון זיי דעם קאָלעקשאָן, אונד קרעדיטירען יעדען אויף זיין אקאונט, נאַכהער איבערגעבען דאָס געלד צו דעם טרעזשורער אונד נעהמען ביי איהם אַ רעסיט פאַר דער סומע.

סעק. 5. דער סעקרעטאר דאַרף זיך געפינען אין שוהל בעת קריאת התורה נור שבת ויו"ט וימים נוראים אום צו וויסען א חשבון פון עליות און נדרים.

סעק. 6. דער סעקרעטאר דאַרף יעדען מעמבער דעביטירען אויף זיין אקאונט עליות ונדרים און אַסעסמענטס, אונד צום דזשענעראַל מיטינג דאַרף ער שיקען יעדען מעמבער אַ סטייטמענט פון זיינע שולדען.

סעק. 7. דער סעקרעטאר דאַרף פיהרען אַללע רעכענונגען פון דער שוהל הן אַזעלכע וואָס געהן דורך דעם טרעזשורער, והן אַזעלכע וואָס ווערען געספּענדעט, דורך אַנדערע, ער מוז פון אַלעס פיהרען איין אקאונט, אונד ווען זיין טערם ענדיגט זיך, דאַרף ער פון יעדען בעזונדער געבען רעכענונג אין זיין יעהרליכען רעפּאָרט.

סעק. 8. אַללע געלדער וואָס וועלען אַריין קומען אין אונזער שוהל, הן ביים מיטינג, והן דורך אַ געדונגענעם קאָלעקטאָר, והן דורך איין אַפּאָינטעטען, מוזען זיי איבערגעבען דעם סעקרעטאר און ער זאָל דאָס איבערגעבען דעם טרעזשורער און נעהמען

אַ רעסיט אויף דעם געלד, אונד פיהרען אַ רעכענונג מיט דעם טרעזשורער.

סעק. 9. עס איז רעקאָמענדירט געוואָרען ביי דער קאָמיטע דאָס אין פאַלס מען קען ניט קריגען קיין פּאַסענדען סעקרעטער פון אונזערע ברידער, דאַן קענען מיר עלעקטען איין אוטסיידער, אָבער ער מוז געבען אַ באָנד פון 5 טויזענד דאָלאַר. אויב ער וועט זיין פּאַסענד פאַר סעקרעטאַר, מוז ער ווערען אַ מעמבער אין שוהל און דערנאָך עלעקטעט ווערען פאַר דעם אָפיס.

סעק. 10. דעם סעקרעטאַר'ס סאַלאַרי זאָל באַשטימט ווערען ביי דעם פוירסט נאָמינײשאַן פאַר אָפיסערס.

### א ר ט י ק ע ל 8.

### דיוטיעס פון טראַסטיעס.

סעק. 1. טראַסטיעס זיינען פערפליכטעט צו האַלטען אָרדנונג אין שוהל בעת התפילה, זיי דאַרפען אַכטונג געבען אַז יעדער זאָל זיצען אויף זיין סיט אונד נישט לאָזען זיך אַרומשפּאַצירען הן ביי דעם דאַווענען והן ביי קריאת התורה. ווען מען וויל זיי נישט פאָלגען ווען זיי רופען צו אָרדער, זאָלען זיי גלייך רעפּאָרטען צום פּרעזידענט.

סעק. 2. די זעלבע פפליכטען האָבען זיי אויך ביי די מיטינגס. זיי דאַרפען העלפען דעם פּרעזידענט צו האַלטען אָרדער אין יעדער אַנגעלעגענהייט, ווען דער פּרעזידענט פאָדערט פון זיי, זיי דאַרפען זעהן אַז קיין פרעמדער זאָל נישט אַריין קומען צום מיטינג אָהנע ערלויבענים פון פּרעזידענט.



סעק. 3. ווען אַ מעמבער מאַכט אַ דיסאָרדער איז שוהל בעת התפילה און פאָלגט ניט די טראַסטיעס, און דער טראַסטיע רעפּאָרטעט איהם צום פּרעזידענט, דאַן בעדאַרף דער פּרעזידענט צו געהן צו דעם מעמבער און איהם הייסען ער זאָל זיך באַהייווען, און ווען דער מעמבער אָדער די מעמבערס פאָלגען דעם פּרעזידענט אויך נישט, דאַן קאָן דער פּרעזידענט איהם אָדער זיי באַשטראָפען מיט $10 ביי דעם נעקסטען מיטינג. און ווען עס מאַכט זיך אַ צווייטען מאָל ביי דעם זעלבען ברודער אָדער ברידער קען ער איהם אָדער זיי באַשטראָפען מיט $25. און ווען עס מאַכט זיך דאָס דריטע מאָל, קען ער איהם אָדער זיי עקספּעלען פון מעמבערשיפּ. דאָס געלד וואָס ער ווערט שטראָפירט בעדאַרף צוגעשריבען ווערען צו זיין אקאונט.

### א ר ט י ק ע ל 9.

סעק. 1. ווען איינער וויל ווערען אַ מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאַן, דאַרף ער פּראָפּויזט ווערען פון אונזערען אַ מעמבער אונד געבען פּראָפּאָזישאַן געלד פון 50 דאָלאַר, דאַן זאָל דער פּרעזידענט אַפּאָינטען אַ קאָמיטע פון 3 אום אויסגעפינען צו דער מאַן איז פּאַסענד צו זיין אַ מעמבער אין אונזער קאָנגרעגיישאַן אונד ביי דעם נעקסטען מיטינג, ווען די קאָמיטע ברענגט אַריין אַ גינסטיגען רעפּאָרט, דאַן זאָל דער פּרעזידענט אָרדערן דעם באַלאָט באָקס אונד די מעמבערס זאָלען וואָוטען ביי באַלאָטס, אונד 3 שוואַרצע באַלאָטס רידזשעקטען איהם.

סעק. 2. ווען איינער איזט פּראָפּאָזט געוואָרען פיר אַ מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאַן אונד

ווערט נישט אויפגענומען, קאָן ער שפּעטער מיט 6 מאָנאַט ווידער פּראָפּויזט ווערען.

סעק. 3. איין נייער אַריינגעקומענער מעמבער ווען ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס מעמבער ביי אונז אין שוהל, קריעגט ער דאָס רעכט זאָפאָרט צו וואָוטען פאַר אַללעס וואָס עס קומט פאָר אונד וואָס עס ווירד פערהאַנדעלט ביי אונז אין דער קאָנגרעגיישאָן, אָבער נישט צו לויפען פאַר קיין אָפיס ביז 3 מאָנאַט. באָים אונטער 18 יאָהר קענען נישט באַלאַנגען אַלס מעמבערס אין אונזער קאָנגרעגיישאָן אונד אַ באָי, אָדער אַ מאַן וואָס איז אַ מעמבער ביי אונז אין שוהל, אונד הייראַטעט אַ קריסטליכע פרוי, אָדער איין אשת איש, אָדער ווען ער בעזיצט אונמאָראַלישע ביזנעס, קאָן מעהר נישט באַלאַנגען אין אונזער קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 4. יעדער מעמבער מוז אויספאָלגען דעם אָרדער פון פּרעזידענט, וויים פּרעזידענט, טראָסטיס אונד אַנדערע אָפיסערס וואָס האָבען אַ רעכט צו האַלטען אָרדער, הן בעת התפילה, והן ביי מיטינגס. ווען ער בעפאָלגט נישט אונד אַנערקענט נישט דעם אָרדער, האָט דער פּרעזידענט דאָס רעכט איהם צו הייסען פאַרלאָזען זיין פּליים דורך אַ טראָסטיע.

סעק. 5. ווען איין מעמבער וויל רעדען ביי אַ מיטינג, מוז ער זיך אויפשטעלען, אונד בעטען ערלויבענים ביי דעם פּרעזידענט, אונד דער פּרעזידענט מוז איהם געבען דאָס רעכט צו רעדען נאָך דעם נעקסט, נאָר פון דער דעבאַטע, אונד נישט מעהר ווי 2 מאָהל אין דער דעבאַטע.



סעק. 6. ווען איין מעמבער קריגט דעם פלאָאָר צו רעדען, מוז ער זיך אויפשטעלען אונד רעדען געלאַסען, אונד נישט צו באַליידיגען קיין איינציגען אין זיין רעדע. קיין איינער האָט ניט דאָס רעכט איהם אין זיין רעדע צו סטאַפּען ביז ענדע. ווען ער רעדט נישט אין אָרדער, קאָן איהם דער פּרעזידענט קאָרעקטען אָדער זאָגאַר סטאַפּען פון צו רעדען, זיין רעדע מוז נור זיין פון דער דעבאַטע, וואָס עס ווערט פערהאַנדעלט ביי דער מיטינג אונד נישט מעהר ווי 7 מינוט צייט.

סעק. 7. ווען איין מעמבער פערלאַנגט דעם פלאָאָר אונד דער פּרעזידענט וויל איהם נישט געבען קאָן ער זיך ווענדען צום וויים-פּרעזידענט אונד ווען דער וויים-פּרעזידענט וויל אַיהם אויך נישט געבען, דאַן קאָן ער זיך ווענדען צו די מעמבערס פון דער קאָנגרעגיישאָן אונד פאָדערען זיין רעכטע דורך איין מאַדזשאָריטי פון צוויי דריטעל פון די מעמבערס וואָס זיינען אַנוועזענד ביים מיטינג.

סעק. 8. קיין מעמבער טאָר נישט באַליידיגען איין ברודער פון דער קאָנגרעגיישאָן הן ביים מיטינג והן בעת התפילה, והן אין עני צייט אין שוהל. ווען ביי איין מיטיג אונד איין מעמבער וויל נישט בעפאָלגען דעם אָרדער פון פּרעזידענט קאָן דער פּרעזידענט דעם מעמבער באשטראָפען מיט 50 סענט ביז 5 דאָללאַר, אונד ער קען אויך נישט אַפּילען נאָך דער שטראַפע, אונד אין פאַלס איין מעמבער אָדער איניגע מעמבערס מאַכען איין דיסאָרדער אונד מען מוז דורך דעם קלאָוזען דעם מיטינג, האָט דער פּרעזידענט דאָס רעכט צו ברענגען טשאַרדזשעס איבער דעם אָדער די מעמבערס.

סעק. 9. ווען איין מעמבער באַליידיגט אַ ברודער אין די אויבען דערמאָהנטע צייטען אין שוהל קאָן דער באַליידיגטער ברודער ברענגען איין קלאַגע ביי דעם מיטינג, אונד דער פּרעזידענט דאַרף דאָס איבערגעבען צו איין טשארדזש קאָמיטע, אונד ווען די קאָמיטע געפינט איהם שולדיג, קאָן דער פּרעזידענט איהם באשטראָפען מיט 50 סענט ביז 5 דאָלאַר צום ערשטען מאָהל, אונד ווען עס מאַכט זיך אויך אַ צווייטען מאָהל, קאָן ער איהם באשטראָפען פון $5.00 ביז 10 דאָלאַר אונד צום דריטען מאָהל ווערט ער עקספּעלט פון מעמבערשיפּ אונד פאַרלירט אויך אַלע רעכטע פון די קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 10. קיין איינציגער קאָן נישט צוגעהן דאַוונען צום עמוד שבת ויו"ט, אפילו איין מעמבער, ער טאָר אויך נישט צושטעלען אַ פּרעמיען צום עמוד, אָהנע די ערלויבנים פון איין אָפיסער וואָס איז באַרעכטיגט דארויף.

סעק. 11. עני קאָמיטע וואָס ווירד אַפּאָינטעד ביים פּרעזידענט אונד וויים פּרעזידענט אונד אטענדען נישט צו זייער דוטי האָט דער פּרעזידענט אַ רעכט צו דיסטשארדזשען די קאָמיטע אונד אַפּאָינטען איינע אַנדערע קאָמיטע אויף זייער פּלאַטץ. די קאָמיטע קאָן זיך אויך נישט אָבזאָגען סיידען זי גיט אָן ריכטיגע ריעזענס.

סעק. 12. יעדער מעמבער מוז צאָהלען יעהרליכע דיוס וועלכע זיינען בעשטימט געוואָרען פון דער קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 13. ווען די מעמבערס וועלען איינזעהן



אַז די שוהל פאָדערט גרעסערע הוצאות אונד מען מוז העכערען די דיוס, מוז אַ ספּעשעל מיטינג גערופען ווערען פון אַללע מעמבערס אונד אין די נאָטיס מוז געמעלדעט ווערען אויף וואָס פאַר אַ צוועק דער מיטינג ווערט גערופען, דאַן קאָן ביי אַזאַ מיטינג באַשטימט ווערען אויף וויפיעל צו העכערען די דיוס אונד אַסעסמענטס, נור ביי א מאַדזשאָריטי פון צוויי דריטעל מעמבערס וואָס זיינען אַנוועזענד.

סעק. 14. יעדער מעמבער מוז זיין קליער אין די ביכער בעפאָר ערב ראש השנה, לויט נאָך דעם חשבון פון דעם סעקרעטאר פון דיוס אונד אסעסמענטס, אונד פאַלס ער באצאָהלט נישט זיינע שולדען ביז אין דער אויבען דערמאָהנטער צייט, ווערט ער סוספּענדירט דורך סוספּענשאָן נאָטיס פון דעם סעקרעטאר, ער האָט ווידער דאָס רעכט צו באצאָהלען זיינע שולדען ביז דעם נעקסטען רעגולער מיטינג.

סעק. 15. די קאָנגרעגיישאָן האָט דאָס רעכט איהם צו שענקען זיינע שולדען אין דער צייט ווען דער מעמבער ווערט זיך רעפּאָרטען אין דיסטרעס, אונד נור ביי אַ מאַדזשאָריטי פון 2 דריטעל וואָוטס פון די מעמבערס וואָס וועלען זיין אַנוועזענד ביי דעם מיטינג.

סעק. 16. יעדער מעמבער מוז טרייען פאַר'ן גוט און וואָהל פון אונזער קאָנגרעגיישאָן. ווען איין ברודער אָדער איינינע ברידער טרייען צו מאַכען אַ מנין מיט דעם צוועק צו שאדען דער קאָנגרעגיישאָן, עס מעג אפילו זיין פאַר זייער פּרנסה וועגען, ווערט ער אָדער זיי סוספּענדירט פון מעמבערשיפּ, אונד

פאַרלירען אויך אַללע רעכטע פון אונזער קאָנגרע-
גיישאָן.

סעק. 17. ווען איין מעמבער אָדער מעהרערע מעמבערס באַליידיגען די קאָנגרעגיישאָן אָדער ער אָדער זיי טרייען קאַליע צו מאַכען אָדער שאַדען צו טאָן דער קאָנגרעגיישאָן אויף סייא וואס פאַר אַ וועג, זאָל אַ טשאַרדזש קאָמיטע אַפּאָינטעד ווערען, אונד ווען די טשאַרדזש קאָמיטע געפינט איהם אָדער זיי שולדיג, ווערט ער אָדער זיי זאָפאָרט עקספּעלט פון מעמבערשיפּ אונד פאַרלירט אַלע רעכטע פון דער קאָנגרעגיישאָן, אונד קען נעווער אריינקומען פאַר מעמבער אין דער קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 18. אַ מעמבער איז נישט ערלויבט צו רעדען אַגיינסט דער קאָנגרעגיישאָן אָדער אגיינסט די מעמבערס פון שוהל אין סטריט אָדער אין פובליק פּלייסעס, אָבער ווען אַ מעמבער בעפאָלגט נישט די רולס אונד רעדט יאַ אַגיינסט דער קאָנגרעגיישאָן אָדער די מעמבערס פון אונזער קאָנגרעגיישאָן אונד אַ צווייטער ברודער הערט דאס. קאָן דער מעמבער בריינגען אַ טשאַרדזש געגען דעם מעמבער, ווען עס ווערט געבראַכט אַ קלאַגע אויף איין מעמבער פון אַ צווייטען מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן אויף אירגענד וועלכע קלאַגע, מוז דער פּרעזידענט אַפּאָינ-טען אַ קאָמיטע פון 5 אום אויסצוגעפינען זיין שולד, דער סעקרעטאר זאָל איהם שיקען נאָטיס פאַרצוקו-מען פאַר דער קאָמיטע אום צו אַנטוואָרטען אין דער קלאַגע. ווען ער קומט נישט צום ערשטען מאָל, זאָל דער סעקרעטאַר איהם שיקען נאָטיס אַ צווייטען מאָל, אונד ווען ער קומט נישט צום צווייטען מאָל



זאָ האָט די קאָמיטע אַ רעכט צו עקטען אין דער קיים און צו בריינגען אַ רעפּאָרט צו דעם מיטינג. דער אָנגעקלאָגטער ווען ער געפינט זיך אין דער צייט ווען דער פּרעזידענט אַפּאָינטעט די טשאַרדזש קאָמיטע, האָט דאָס רעכט צו אָבזשעקטען אויף 2 קאָמיטע לייטע פון דער ערשטער קאָמיטע וואָס ער ווערט אַפּאָינטעט. דער קלעגער בעדאַרף בריינגען וויטנעס ווען ער בריינגט די קלאַגע.

סעק. 19. יעדער לעצטער רעגולאַר מיטינג אין אַפּריל און אָקטאָבער פון יעדעס יאָהר דאַרף דער פּרעזידענט אַפּאָינטען אַ קאָמיטע פון 5 מעמבערס אום צו אונטערזוכען די ביכער פון דער קאָנגרעגיי-שאָן אונד צום נעקסטען מיטינג זאָלען זיי ברענגען איין רעפּאָרט.

סעק. 20. די קאָמיטע וועגען סיטס צו פאַרענ-טען זאָללען אַפּאָינטעד ווערען ביים פּרעזידענט מיט 3 מאָנאַט בעפאָר רה"ש פון יעדען יאָהר.

## ארטיקעל 10.

סעק. 1. ווען אַ מעמבער האָט אויטסיידיגע ביזנעס מיט אַ צווייטען מעמבער, טאָר ער זיי נישט אויסיוזען אין שוהל, אָבער ווען ער יוזט זיי יעם אויס אין שוהל, קאָן דער מעמבער ברענגען טשאַרדזשעס געגען איהם ביים נעקסטען מיטינג, און ער פאַלט ארונטער אונטער ארטיקעל 9 סעקשאָן 9.

## ארטיקעל 11.

סעק. 1. ווען אַ מעמבער איז ח"ו קראַנק זע-נען די אָפיסערס אונד די מעמבערס פאַרפּליכטעט איהם צו בעזוכען, איינער אָדער 2 יעדען טאָג נאָך

דעם אויפטראג פון דעם פּרעזידענט, פּאַלס דער יע־
ניגער וואָס דער פּרעזידענט בעאויפטראַגט איהם
דעם קראַנקען ברודער צו בעזוכען אַטענדעט נישט
אָהנע ריכטיגע ריזענס, קאָן איהם דער פּרעזידענט
בעשטראָפען פון 25 סענט ביז 1 דאָללאַר.

סעק. 2. פּאַלס איין מעמבער איז ח"ו געפעהר־
ליך קראַנק, אונד דער פּרעזידענט זעהט איין אַז דער
קראַנקער מעמבער מוז האָבען יעמאַנדען צו איהם צו
אַטענדען, דאַרף דער פּרעזידענט אָדער וויים פּרעזי־
דענט זאָפאָרט בעזאָרגען אַ מאַן, אונד דאָס פּאַרלע־
גען ביי דעם ערשטען מיטינג וואָס וועט זיין אין
דער צייט, הן רעגולער, והן ספּעשעל, אונד אויך
דזשענעראַל, אונד אויך תיכף צו עקטען, ביי אַ מאַד־
זשאָריטי וואָוטס קאָן מען פּעסען צו שטעלען אַ מאַן
ביז 10 נעכט אום איהם צו אַטענדען, אונד פון דער
קאָנגרעגיישאָן פּאָנדס זאָל בעצאָהלט ווערען וויפיעל
עס ווירד קאָסטען.

סעק. 3. ווען אַ מעמבער איז חלילה קראַנק
אויף איינע אַנשטעקיגע קראַנקהייט, ווען קיינע
מעמבערס קענען איהם נישט געהן בעזוכען אָדער
איהם צו אַטענדען, האָט דער פּרעזידענט דאָס רעכט
צו דינגען אַ מענשען אום איהם צו אַטענדען אונד צו
בעצאָהלען דעם מאַן פון דער קאָנגרעגיישאָן.

## א ר ט י ק ע ל 12.

סעק. 1. ווען די חברה פון דער קאָנגרעגיישאָן
וועלען איינזעהן אַז מען דאַרף מאַכען איין אַמענד־
מענט צו די קאָנסטיטושאָן, זאָל דער פּרעזידענט רו־
פען אַ ספּעשעל מיטינג ביי נאָטים אונד ווען עס ווירד



געפּעסט ביי דעם מיטינג אַז מען זאָל מאַכען די
אַמענדמענט זאָל דער פּרעזידענט אַפּאָינטען אַ קאָ־
מיטע פון 5 אום אויס צואַרבייטען די אַמענדמענטס
אונד ווען עס ווירד 3 מאָהל פאָרגעלעזען אונד עס
ווירד געפּעסט, זאָל עס דער סעקרעטער אַריין שריי־
בען אין דעם מינוטס בוך אונד עס ווירד אַ לאָה, דאַן
קאָן עס צו געשריבען ווערען צו די קאָנסטיטושאָן
פון אונזער קאָנגרעגיישאָן.

## א ר ט י ק ע ל 13.

סעק. 1. ווען אַ מאָושען ווערט געפּעסט ביי
עני מיטינג אונד עס איז אַריין געשריבען אין מי־
נוטס בוך, קאָן נישט רעקאָנסידערט ווערען ביים
נעקסטען מיטינג, סיידען ביי 2 דריטעל פון די מעמ־
בערס וואָס האָבען געוואָוט פאַר'ן מאָושען ביים
לעצטען מיטינג.

## א ר ט י ק ע ל 14.

סעק. 1. יעדער מעמבער פון אונזער קאָנגרע־
גיישאָן מוז קויפען סיטס פאַר זיך אונד זיין פרוי אין
אונזער שוהל. די סיטס וואָס ער קויפט מוזען זיין
קאָנעקטעט לויט די נומבערס, ענטוועדער דער פרוי־
ען סיט נאָך מענער סיט, אָדער דער מענער סיט נאָך
פרויען סיט. יעדער מעמבער האָט ווידער אַ רעכט,
אויס צו טשוזען זיינע סיטס פאַר ביליגערע
אָדער פאַר טהייערע סיטס. אַ מעמבער וואָס וויל ניט
קויפען קיינע סיטס פאַר זיך און זיין פרוי ביי אונז
אין שוהל, איז נישט בארעכטיגט צו קיין סעמעטערי.

סעק. 2. ווען אַ מעמבער וויל נישט קיינע
סיטס ביי אונז אין שוהל פאַר זיך און פאַר זיין פרוי,
אָדער ער האָט זיך אויס געשפּראָכען אַז ער קען

נישט קויפען קיין סיטס, פאלט ער ארויס פון מעמבערשיפ ביי אונז אין שוהל.

## אַרטיקעל 15.

סעק. 1. קיין מעמבער טאָר זיינע סיטס קיינמאָהל נישט פארקויפען צו א צווייטען מעמבער, ווען ער גיבט אָבער אָן ריכטיגע ריעזענס אַז ער האָט קיין פרנסה נישט, אָדער ער מוז אַרויס מופען פון דער שטאָדט אָדער אַנדערע ריעזענס, דאַן זאָל די קאָנגרעגיישאָן איבערנעהמען ביי איהם זיינע סיטס אונד איהם בעצאָהלען דעם פאָללען אמאונט וויפיעל ער האָט איינגעצאָהלט אויף די סיטס. די סיעטס מעגען זיין אויסגעצאָהלטע מוז איהם די קאָנגרעגיישאָן בעצאָהלען דעם פאָללען בעטראַג לויט קויף פרייז. דאַן קאָן די קאָנגרעגיישאָן פערקויפען די סיעטס צו יעדען וואָס וויל זיי קויפען נאָר פער אָקשען, ווער עס גיבט מעהר, דער קריעגט די סיעטס.

סעק. 2. ווען אַ מעמבער ווירד סוספענדעט פון אונזער קאָנגרעגיישאָן פיר שולדען אַזוי ווי פיר דיוס, עליות, נדרים, אַסעסמענטס אונד ער האָט איין אויסגעצאָהלטען סיעט, אָדער איין איינגעצאָהלטען סיעט, קאָן די קאָנגרעגיישאָן קאָנפיסקירען זיינע סיטס אום צו דעקען זיינע שולדען אונד ברויכט איהם דעם באלאַנס אומצוקעהרען לויט קויף פון דעם סיעט. אונד די סיעטס פאַלען אַרונטער אונטער סעקשאָן 1 פון דיעזען ארטיקעל אונד דער סוספענדירטער מעמבער פערליערט אַללע רעכטע פון אונזער קאָנגרעגיישאָן.

## אַרטיקעל 16.

סעק. 1. ווען אַ יורש וועט איבערנעהמען די



סיטס ביים לעבען, אָדער נאָך דעם אָבלעבען, מוז ער ווערען אַ מעמבער אין שוהל און מוז אויך צאָהלען אַ העלפט פון פּראָפּאָזישען געלד.

סעק. 1. איי. ווען איין מעמבער וויל איבערגעבען זיינע סיעטס ביים לעבען צו זיין זאָהן, אָדער זיין איידעם, אָדער ענ'י פריינד, קאָן ער זיי נישט איבערגעבען אָהנע די באַשטעטיגונג פון איין מאַדזשאָריטי פון די מעמבערס וואָס וועלען זיין אַנוועזענד ביי דעם מיטינג, אָבער נור ווען זיי זיינען מעמבערס פון אונזער קאָנגרעגיישאָן אָדער זיי קענען אַריין קומען פיר מעמבערס, זאָנסט קען דער מעמבער ניט איבער געבען זיינע סיעטס, זיי קענען זיין אויסגעצאָהלטע אָדער איינגעצאָהלטע.

סעק. 2. יעדער איינער וואָס וויל אַריין קומען צו אונזער קאָנגרעגיישאָן פאר איין מעמבער מוז בעצאָהלען פּראָפּאָזישאָן געלד, אפילו א פריינד פון אַ מעמבער וואָס וויל קויפען זיינע סיעטס.

## אַרטיקעל 17.

סעק. 1. נאָך דעם אָבלעבען פון אַ מעמבער אונד זיינע סיטס זיינען באַצאָהלטע אָדער איינגעצאָהלטע, האָט די פרוי אַ רעכט צוביידע סיטס, אונד האָט אויך אַ רעכט אַוועק צו זעצען אַ זוהן, אָדער אַן איידעם, אָבער ווען זי וועט אַוועקזעצען אַ

פריינד אויף דעם סיט, פאַלט זי אַרונטער אונטער דער סיעט קאָמיטע. אויף איהר מענער סיעט, זי בעדאַרף אָבער בעצאָהלען די יעהרליכע דיומס. אויך די סיט קאָמיטע ווען זי זעהט איין אַז ער איז אַן אַנשטענדיגער מענש קענען איהם לאָזען זיצען אויף דעם סיט.

סעק. 3. יורשים פון אַ פערשטאָרבענעם מעמ־בער וואָס קענען נישט אָדער ווילען נישט זיין קיינע מעמבערס ביי אונז אין שוהל, מוז די קאָנגרעגיישאָן זיי בעצאָהלען 80 פראָצענט פון דעם בעטראג פאַר וויפיעל ער האָט די סיעטס געקויפט.

סעק. 4 איי. ווען אַ פרוי פון אַ פאַרשטאָרבענעם מעמבער האָט התונה מיט אַ צווייטען מאַן אונד עס איז נישט געבליבען קיינע יורשים פון דעם ערשטען מאַן, קאָן די פרוי אַוועק זעצען דעם מאַן אויף איהר מענער סיעט ער דאַרף אָבער אריין קומען פאַר א מעמבער צו אונז אין דער קאָנגרעגיישאָן, אונד בע־צאָהלען פראָפּאָזישאָן אונד דאַרף אויך באַלאָטירט ווערען.

סעק. 4 בי. אַ זוהן פון דער ערשטער פרוי איז דער ערשטער זוהן און איז ענטייטעלט צום מענער סיעט, אפילו ווען ער האָט מיט דער צווייטער פרוי געהאַט זיהן.

## ארטיקעל 18.

סעק. 1. נאָמינייישאָן און עלעקשאָן פאַר חברה קדישא זאָל זיין נאָך אַלע יו"ט, נאָמינייישאָן זאָל זיין



ביים אינסטאלליישאָן פון שוהל אָפיסערס אונד פאַר דעם נעקסטען מיטינג זאָל דער סעקרעטערי רופען אַ ספעשעל מיטינג ביי נאָטים פאר עלעקשאָן פון חברה קדישא. עס מוזען עלעקטעט ווערען 5 גבאים, גבאי ראשון, שני, שלישי, רביעי וחמישי. די חברה קדישא קענען עלעקטעט ווערען פאַר לענגער ווי 2 יאָהר אויב די קאָנגרעגיישאָן אַנערקענט דאָס זיי טהוען זייער אַרבייט ריכטיג אונד זיינען פאַסיג פאַר דעם אָפיס. די חברה קדישא זאָלען עלעקטעט ווערען דורך אַ געפּרינטעטען באַלאָט אַזוי ווי די שוהל אָפי־סערס.

### פפליכטען פון די חברא קדישא.

סעק. 2. די חברא קדישא איז פערפליכטעט צו אַטענדען צו אַללע ביזנעס וואָס בעלאַנגען צו דער סעמעטרי, אונד צוואַר ביי איין טויטענפאַל דאַרפען זיי צייגען קרקע, אויך אויסגעצוגעפינען אויב מען קען קריעגען א גרעסערע פרייז אָדער אַ קלענערע.

סעק. 3. ביי איין טויטענפאַל מוזען ענטוועדער דער גבאי ראשון אָדער דער גבאי שני נאָטיפייען דורך דעם שמש די איבעריגע פון די חברה קדישא, אום זיי זאָלען מיטען צוזאַמען אין האַלל פון אונזער שוהל, עס מוזען זיך געפינען ביי איין מיטינג נישט וועיניגער פון 3 פון דער חברה קדישא אום זיך צו בעראַטהען איבער דער קיים, ביי עני קיים מוזען די חברה קדישא נאָטיפייען דעם פרעזידענט ווי אַזוי זיי האָבען זיך איינפערשטאַנען בעפאַר זיי סעטלען מיט דער קיים, נאָר אין פאַלס זיי קענען נישט קריעגען דעם פרעזידענט אָדער וויים פרעזידענט ביז אין 3

שטונדען, דאַן האָבען זיי די פול פּאַוער צו סעטלען מיט דער קיים.

סעק. 4. עס מוז געפיהרט ווערען אַ בוך איבער די נפטרים אין וועלכען יאָהר אונד חודש אונד טאָג ער איז נפטר געוואָרען, אונד איזט מקבר געוואָרען, און דער ראָו נומבער אונד שורה נומבער, אונד קרקע נומבער, אונד אויסצופיללען אַ רעסיט איבער דעם געלד פיר קרקע. די אַללע געלדער מוזען זיי איבער געבען דעם טרעזשורער און נעהמען אַ רעסיט.

סעק. 5. די גבאים פון דער חברא קדישא קאָנען נור עלעקטעט ווערען פאַר 1 יאָהר.

סעק. 6. ביי יעדער קיים ח"ו, סיי ביי אַ מעמבער פון שוהל, סיי ביי איין אויטסיידער, מוזען ווייניגסטענס 1 פון דער חברה קדישא מיטפאַהרען צו דער סעמעטערי, אום אַכטונג צו געבען אַז עס זאָל אַלעס צו געהן אין אָרדער. דער גבאי פון דער חברה קדישא וואָס ער פאַרטרעט די לויה מוז רעספּעקטירט ווערען פון מעמבערס אָדער אויטסיידערס נאָך די רולס פון אונזער קאָנסטיטושאָן.

רולס פון דער קאָנסטיטושאָן

1. די קרובים פון דעם נפטר מוזען לאָזען געהן מיט דער פושקע און ווען די קרובים פערלאַנגען מען זאָל ניט געהן מיט דער פושקע מוזען זיי גיבען $10 פאַר דעם צוועק.
2. אויף דעם סעמעטערי נאָך דעם וואָס מען איז מטהר דעם נפטר מוז ווערען געמאַכט אַן אַפּיעל פאַר לחם עניים און



די קרובים פון דעם נפטר פערלאַנגען דאָס מען זאָל ניט מאַכען קיין אַפּיעל מוזען זיי דאָנייטען 25 דאָלאַר.

3. דער יעניגער וואָס וועט ניט בעפאָלגען די אָרדערס פון די גבאים פון דער חברה קדישא סיי ווען ער וועט טרייען צו מאַכען סקאַנדאַלען אָדער ער וועט באַליידיגען איינעם פון די גבאים אָדער דעם נפטר זאָל געבראַכט ווערען אַ טשאַרדזש צו דער שוהל אונד דער פּרעזידענט מוז אַנגעהמען דעם טשאַרדזש און אַפּאָינטען אַ קאָמיטע צו אונטערזוכען דעם טשאַרדזש און אויב דער יעניגער אָדער די יעניגע ווערען שולדיג געפינען זאָל ער אָדער זיי באַשטראָפט ווערען דאָס ערשטע מאָל מיט 25 דאָלאַר און ווען עס טרעפט אַ צווייטען מאָל זאָל ער אָדער זיי באַשטראָפט ווערען מיט 50 דאָלאַר אונד ווען עס טרעפט אַ דריטען מאָל, זאָל ער אָדער זיי עקספּעלט ווערען פון מעמבערשיפּ אונד זאָלען קיינמאָל ניט קענען אַריינקומען פאַר מעמבערס אין אונזער שוהל.

סעק. 7. ווען איינער פון דער חברה קדישא ערפיהלט נישט זיינע פפליכטען, אונד דער פּרעזידענט וועט אויסגעפינען אַז עס איז ריכטיג, זאָל דער פּרעזידענט איהם בעשטראָפען מיט 1 דאָלאַר צום

ערשטען מאָהל, ווען עס טרעפט זיך אַ צווייטען מאָהל, זאָל דער פּרעזידענט אַפּאָינטען אַ טשאַרדזש קאָמיטע אונד ווען די קאָמיטע געפינט איהם פאַר שולדיג זאָל איהם דער פּרעזידענט אָדער די קאָנגרע-גיישאָן ביי אַ 2 דריטעל מאַדזשאָריטי אימפּיטשען פון זיין אָפּיס.

סעק. 8. ווען ח"ו איינער פון דער חברה קדישא שטאַרבט אָדער ער רעזיגנירט פון אָפּיס אָדער ער ווערט אימפּיטשט, האָט דער פּרעזידענט דאָס רעכט צו אַפּאָינטען אויף זיין פּלאַטץ אַן אַנדע-רען ביז צום נעקסטען עלעקשאָן.

סעק. 9. ווען איינער פון די חברה קדישא ווערט ווילען מטהר זיין אַ מת קען ער דאָס טהון אָבער ער טאָר ניט קריגען קיין בעצאָהלט דערפאַר. די מענשען וואָס זיינען מטהר זאָלען זיין שומרי שבת.

## ארטיקעל 19.

סעק. 1. איי. יעדער מעמבער וואָס איז בעפאָר דזשענואַרי, 1925 געוואָרען אַ מעמבער אין דער קאָנ-גרעגיישאָן, איז בארעכטיגט צו אַ פאַמיליע לאָט פון 12 ביי 18 פוס נאָך עס קען ניט אָוועקגעלייגט ווערען מעהר ווי 6 קברים אויף דעם לאָט.

סעק. 1. בי. די אַלע מעמבערס וואָס זיינען אריינגעקומען נאָך דעם 1טען דזשענואַרי, 1925 זיי-נען נאָר בארעכטיגט פאַר 2 קברים מאַן און פרוי. ער האָט אויך אַ רעכט ח"ו ווען עס שטאַרבט ביי איהם אַ אונפערהייראַט קינד קומט איהם קרקע אין דער קינדער ליין.



סעק. 2. אַ מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן קען קונה זיין אַ לאָט אויף דער סעמעטערי, בעהיטע גאָט ווען עס שטאַרבט איהם איין אונפערהייראַט קינד, אָבער ווען בעהיטע גאָט עס שטאַרבט ביי איהם איין פערהייראַט קינד קען ער קונה זיין אַ לאָט, נאָר ער דאַרף אָנקומען צו דער חברה קדישא וועגען דער פּרייז. ווען אַ מעמבער האָט שוין קונה געווען אַ לאָט אונד בעהיטע גאָט עס שטאַרבט איהם אַ פערהייראַט קינד אָדער עני פריינד אונד ער וויל איהם לעגען אויף זיין לאָט, האָט ער דאָס רעכט, נאָר מיט דער צושטימונג פון דער חברה קדישא.

סעק. 3. אַ פרוי פון אַ פערשטאָרבענעם מעמ-בער האָט זי ווי אויך איהרע נישט פערהייראַטע קינדער אַ רעכט צום לאָט. אָבער בעהיטע גאָט ווען עס שטאַרבט ביי איהר אַ פערהייראַט קינד אָדער עני פריינד אונד זי וויל איהם לעגען אויף איהר לאָט פאַלט זי ארונטער אונטער סעקשאָן 2 פון דעם ארטי-קעל.

סעק. 4. ווען אַ פרוי פון אַ פערשטאָרבענעם מעמבער הייראַט מיט אַ צווייטען מאַן, פאַרלירט זי איהר רעכט צום לאָט, אָבער די קינדער בלייבען יורשים צום לאָט.

סעק. 5. ווען אַ פרוי פון אַ פערשטאָרבענעם מעמבער וויל נישט צאָהלען קיין דיוס, אונד די קינ-דער זיינען נאָך מינדעריעהריג, ווערט זי אָן די רעכט צו איהרע סיעטס און די שוהל האָט אַ רעכט צו פער-רענטען די סיעטס אום צו דעקען די דיוס אונד שול-

דען פון דעם פערשטאָרבענעם מעמבער, אָבער ווען די קינדער ווערען פאָליעהריג, האָבען זיי די פאָללע רעכטע צו זייער פאָטערס ירושה, צו די סיעטס אונד צום לאָט.

## אַרטיקעל 20.

סעק. 1. אין דער קאָמיטע פון חברה קדישא זאָל דער פרעזידענט אַפּאָינטען 2 חברה שמשים, וואָס זאָלען אַטענדען וואָס בעלאַנגט צום מת. ביי איין טויטענפאַל פון אַ מעמבער אָדער פון איין אויטסיידער זאָלען זיי נאָטיפייעט ווערען דורך דעם שמש פון שוהל אונד זיי מוזען זאָפאָרט געהן אונד אַטענדען וואָס עס בעלאַנגט צום טויטען. די שמשים מוזען זיין שומרי שבת ויום טוב, זיי מוזען קריגען בעצאָהלט לויט די חברה קדישא וועט אויסגעפינען די לאַגע פון דעם פערשטאָרבענעם. דאָס זעלבע איז אויך ביי איין מצבה שטעלען. די שמשים מוזען אויספאָלגען דעם אָרדער פון דער חברה קדישא.

סעק. 2. ווען עס שטאַרבט בעהיטע גאָט איין מעמבער פון אונזער קאָנגרעגיישאָן, אַלס זיינע לעצטע עהרע פון דער קאָנגרעגיישאָן, זאָל דער סעקרעטאר פון שוהל נאָטיפייען דורך דעם שמש אַללע מעמבערס פון דער קאָנגרעגיישאָן אום זיי זאָלען קומען צו דער לויה. די קאָנגרעגיישאָן דאַרף אויך פאָרנישען 1 קערידזש.

סעק. 3. די אָפיסערס פון אונזער קאָנגרעגיישאָן דאַרפען זעהן אַז עס זאָל זיין אַ מנין ביי דעם אָבל יעדען טאָג ערב ובוקר אין דער גאַנצער צייט



פון שבעה, אפילו ווען עס דאַרף קאָסטען געלד אום עס זאָל זיין אַ מנין מוז די קאָנגרעגיישאָן צאָהלען פון איהר פאָנד.

סעק. 4. אויף איין קרקע מאַכען אָדער איין מצבה שטעלען, מוז דער גבאי ראשון אָדער דער גבאי שני אויסמאַכען איין פערמיט אונד בעשטעטיגט מיט דעם זיעגעל פון דער חברה קדישא, ספּעשעל ביי איין מצבה שטעלען מוזען די גבאים נאָטיפייען די באָארד אָף אָפיסערס.

סעק. 5. אַז בעהיטע גאָט אַז עס שטאַרבט אַ מעמבער און לאָזט ניט קיינע קינדער איז די שוהל פאַרפליכטעט אויף צו שטעלען אַ יאָהרצייט.

## אַרטיקעל 21.

סעק. 1. רולס און רעגולייִשאָנס פון דעם ברענטש גמלת חסד אור חדש, אַזוי ווי די גמלת חסד אור חדש האָט זיך געגרינדעט אונטער דעם טשאַרטער פון דער שוהל דאַרום בעדאַרפען די אָפיסערס פון דער שוהל האָבען די פול פּאָוער צו קאָנטראָלירען די פיהרונגען פון דער אַדמיניסטריישאָן פון דער חברה גמילת חסד אור חדש.

סעק. 2. קיין שום אָפיסער קען ניט עלעקטעט ווערען פאַר אַן אָפיסער אין גמילת חסד נור דער יעניגער וואָס איז אַ מעמבער אין דער קאָנגרעגיישאָן אור חדש עקסעפּט אַ סעקרעטאר.

סעק. 3. קיין נייער מעמבער קען ניט אַריינגענומען ווערען אין גמילת חסד נאָר ווען ער איז שוין אַ מעמבער אין שוהל אָדער ער ווערט אַ מעמבער אין שוהל.

סעק. 4. די גאַנצע אַדמיניסטריישאַן הייני אַלע ביזנעס טראַנזעקשאַנס, רעגולאַר און ספעשעל מיטינגס אונד אַלע קאָמיטע מיטינגס פאַר דער גמילת חסד מוזען נאָר פערהאַנדעלט ווערען אין אונזער שוהל.

סעק. 5. ביי דעם ענדע פון דעם יאָהר ווען די גמלת חסד אַפּאָינטעד אַ פינאַנס קאָמיטע אונד עס ווערט אָפּגעגעבען דער רעפּאָרט פון די פינאַנסען, זאָל אַ קאָפּיע געשיקט ווערען פון דעם רעפּאָרט צו דער קאָנגרעגיישאָן.

סעק. 6. די סייף מיט די ביכער און די נאָוטס וואָס עס געפינט זיך אונטער דער אַדמיניסטריישאָן פון גמלת חסד קען קיינמאָל נישט אַרויסגענומען ווערען פון דער שוהל.

סעק. 7. די אַלע געלדער וואָס די גמלת חסד קאָלעקטעט מוז דעפּאָזיט ווערען אין דער באַנק אונטער דעם נאָמען פון גמלת חסד אונד קיין טשעקס קענען ניט אַרויסגעגעבען ווערען נור מיט דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזיישאָן גמלת חכד אור חדש געסיינט ביי דעם פרעזידענט טרעזשורער אונד סעקרעטערי.

## ארטיקעל 22.

### רולס און רעגולײשאַנס

סעק. 1. די לײדיעס אוקזילערי פון די קאָנג. אור חדש מוזען זייערע מענער זיין מעמבערס אין אונזער שוהל אָדער זיי זיינען געוועזן מעמבערס ביים לעבען.



סעק. 2. אָפּיסערס פון די לײדיעס אוקזילערי קענען נאָר עלעקטעט ווערען די יעניגע וואָס זייערע מענער זיינען מעמבערס אָדער זיי זיינען געווען מעמבערס.

סעק. 3. אַ יעדעס יאָהר מוז די לײדיעס אוקזילערי מאַכען עלעקשאָן פאַר אָפּיסערס, איין פּרעזידענט, וויס פּרעזידענט, טרעזשורער, סעקרעטאַר אונד טראַסטיע.

סעק. 4. די געלדער פון דער אוקזילערי מוז אָוועקגעלייגט ווערען אין דער באַנק אויף דער אוקזילערים נאָמען.

## ארטיקעל 23.

### רולס און רעגולײשאַנס פון חברה משנה וחברה תהלים אור חדש

סעק. 1. די יעניגע מענער אָדער פרויען וואָס ווילען בעלאַנגען פאַר מעמבערס אין דער אָרגאַניזיישאָן מוזען זיין מעמבערס, אָדער געוועזן מעמבערס, אָדער ווערען מעמבערס פון אונזער שוהל.

סעק. 2. אָפּיסערס פון דער אָרגאַניזיישאָן קען ניט עלעקטעט ווערען נאָר די יעניגע וואָס זיינען מעמבערס, אָדער ווערען מעמבערס אין שוהל.

סעק. 3. די געלדער וואָס ווערען קאָלעקטעט זאָלען זיין ביים טרעזשורער, און אַז עס וועט זיין מעהרערע געלד אין טרעזשורי זאָל עס ווערען דעפּאָזיט אויף דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזיישאָן.

## אָפּיסערס:

וום. לאַנדאָ, רפּעזידענט

מ. הערשקאָוויץ, וויים פּרעזידענט

ה. פריעדמאַן, טרעזשורער

ב. ראַבינאָוויטץ, סעקרעטער

## קאָנסטיטושאָן קאָמיטע:

מ. אַקערמאַן, טשערמאַן

פ. א. קאַטץ

דזשייקאָב שעכטער

ד. דיימאָנד

משה ראָזען

דזשייקאָב קויפמאַן

אפרים האָלענדער

סיימאָן קופּער

אדאָפּטעט ביי די קאָנגרעגיישאָן די אַמענדמענטס

צו דעם קאָנסטיטושאָן דזשולאי 21, 1929

צווייטע אַמענדמענט צו די קאָנסטיטושאָן

## אָפּיסערס:

וום. לאַנדאָ, פּרעזידענט

חיים פרידמאַן, וויים פּרזעידענט

מאַקס אַקערמאַן, טרעזשורער

ב. ראַבינאָוויטש, סעקרעטער

## קאָמיטע:

שלום מענדעלזאָהן

יעקב שעכטער

פּ. א. כ"ץ

מאַקס אַקערמאַן

יצחק קויפמאַן

אדאָפּטעד געוואָרען דעם 15טען פּעברואַרי, 1931